# מענטשן, וואָס הונגערן

איז אַנדערש זייער אויג און אַנדערש זייער קול.
דער הימל איז אַ קאָפּ מיט אויסגעקראַצטע האָר.
די טעג שטייען ווייסע ווי בעטן אין שפּיטאָל.
דורך אַלע גאַסן פליסט דער ריח פון כלאָראָפאָרם.

איז אנדערש זייער אויג און אנדערש זייער קול,
און ברענען ווי אַ לאָמפּ מיט אָראָפּגעדרייטער קנויט.
טאָ פארוואָס איז זייער וואָרט אַן אויסגעשלייפטע אָל?
ווייל דאָך זיינען זיי געזונט ווי וואסער, ווי ברויט.

איז אנדערש זייער אויג און אנדערש זייער קול.
אז זיי זאָגן „מענטש" — ווערט דער וועלט אזוי באַנג
ווי מ'וואָלט די גאָלדענע האָר פון דער זון אָפּגעשוירן.
און אז זיי זאָגן „צווייג" — ווערן די וועלדער קראַנק
גלייך די פייגל האָבן די נאָטן פארלוירן.
און אז זיי זאָגן „היי" — איז אַ שרפה אין דעם סטויג,
ווייל אנדערש אנדערש זייער קול, זייער אויג.

ווייל הונגעריקע קאָנען פעסט, האַרט זיין ווי ביין
און האָבן נישט רחמנות און דערציילן זיך אליין
אין טיפע נעכט אַ גרויזאַמע מעשה,
אז די שטערן אין הימל זיינען קעפּעלעך ווייסע
פון אָנגעצויגענע געשווירן.

נעמען זיי אויף פארוואָרפענע וועגן שפּאַצירן
און זוכן אַ לאַנגן שפּיזל זאָל דעם הימל דערכאַפּן
און אַ שטאָך טאָן די בלאָטערס, עס זאָל אייטער זיך צאַפּן
און פארגיסן די וועלט.